**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו זיין וואכזאם איבער לופט קוואליטעט דעם זומער**

***ניו יארק סטעיט הייבט ארויס וויכטיגקייט פון לופט קוואליטעט נאכפאלגונג אזוי ווי ווארעמע וועטערס קומען אן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקע איינוואוינער און באזיכער צו אריינלייגן וואכזאמקייט איבער לופט קוואליטעט אין זייערע טעגליכע ווארעמע וועטער רוטינעס. כדי צו האלטן ניו יארקער באקאנט, גיבט די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ארויס טעגליכע לופט קוואליטעט פארשאצונגען צו פארזיכערן אז לופט קוואליטעט אינפארמאציע איז גרינג צו באקומען פאר ניו יארקער. כאטש ניו יארק סטעיט האט פון די לאנד'ס שטרענגסטע לופט קוואליטעט רעגולאציעס צו רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און היטן אויף פובליק געזונטהייט און די סביבה, דאך זענען דא געוויסע טעג וואס אָזאָן און שטויב קענען שעדיגן די לופט קוואליטעט אין אייער קאמיוניטי.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און אזוי ווי מיר גייען אריין אין די זומער חודשים, זאלן ניו יארקער זיך האלטן אינפארמירט און גרייט פאר סיי וועלכע ענדערונגען אין די לופט קוואליטעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כאטש עס איז צו פרי צו וויסן אויב ניו יארק וועט זעהן אראנדזשע הימלען צוליב וואלד פייער רויעך דעם זומער, מוטיג איך אלע ניו יארקער צו זיין וואכזאם איבער די סטעיט'ס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס און אונטערנעמען די נויטיגע באווארענונג מאסנאמען זיך צו האלטן זיכער."

איין יאר צוריק דעם חודש זענען פילע ניו יארק סטעיט קאמיוניטיס געווען איבערגעדעקט מיט געדיכטע רויעך פון מזרח'דיגע קאנאדישע וואלד פייערן וועלכע האבן בייגעשטייערט צו באדייטנדע לופט פארפעסטיגונג פון דינע שטויב און געפירט צו ברייטע באמיאונגען פון סטעיט ענווייראמענטאלע און געזונטהייט בעאמטע צו פארשפרייטן די וויסנשאפט איבער באווארענונג מאסנאמען צו אונטערנעמען צו פארמיידן פאטענציאל שעדליכע אויסשטעלונג.

אין די נאכפאלגנדע טעג האבן די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די העלט דעפּארטמענט (Department of Health, DOH) ארויסגעגעבן לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען DEC וועטער עקספערטן האבן פאראויס געשאצט אז די שטאפלען פון פארפעסטיגונג – צוליב אָזאָון אדער שטויב אין די לופט (PM2.5) – זענען ערווארטעט צו איבערשטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס (Air Quality Index, AQI) פון 100. ווען די אינדעקס ווערט געמאסטן אזוי הויעך אדער מער מיינט דאס אז די לופט קוואליטעט קען זיין נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס, ווי מענטשן מיט אסטמא, הארץ אדער לונגען קראנקהייטן, עלטערע מענטשן, קינדער און צענערלינגען, מינאריטעט באפעלקערונגען און דרויסנדיגע ארבייטער. די AQI וואגשאל איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך די פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) אלס א גרינגע וועג צו פארגלייכן שטאפלען פון

פארשידענע סארטן פארפעסטיגונג מיט איין ציפער, מיט די שטאפל פון זארג צו די געזונטהייט זייענדיג העכער ווי העכער די AQI איז.

די DEC מוטיגט ניו יארקער צו קוקן אויף http://airnow.gov פאר קראנטע אינפארמאציע איבער לופט קוואליטעט פארשאצונגען און אומשטענדן.

**AQI געזונטהייט אנווייזונגען**
די AQI געזונטהייט אנווייזונגען קומען מיט רעקאמענדאציעס צו באשיצן די באטראפענע באפעלקערונג/ען.

- 0-50: גוט — די לופט קוואליטעט איז פאררעכנט צופרידנשטעלנד און לופט פארפעסטיגונג שטעלט א קליינע אדער בכלל נישט קיין סכנה.
- 51-100: מעסיג — לופט קוואליטעט איז אקצעפטירבאר. אבער מיט געוויסע פארפעסטיגנדע מאטעריאלן קען זיין א מעסיגע געזונטהייט זארג פאר א גאר קליינע צאל מענטשן וואס זענען געווענטליך עמפינדליך צו לופט פארפעסטיגונג.
- 101-150: נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס — מיטגלידער פון עמפינדליכע גרופעס קענען האבן געזונטהייט ווירקונגען. די אלגעמיינע באפעלקערונג וועט ווארשיינליך נישט אפעקטירט ווערן. *עמפינדליכע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט אסטמא, הארץ אדער לונגען קראנקהייטן, עלטערע מענטשן, קינדער און צענערלינגען, מינאריטעט באפעלקערונגען און דרויסנדיגע ארבייטער.*
- 151-200: נישט געזונט — יעדער איינער קען אנהויבן באקומען געזונטהייט ווירקונגען. מיטגלידער פון עמפינדליכע גרופעס קענען האבן ערנסטערע געזונטהייט ווירקונגען.
- 201-300: זייער נישט געזונט — געזונטהייט אלערט. יעדער קען באקומען ערנסטערע געזונטהייט ווירקונגען.
- 301-500: געפארפול — געזונטהייט ווארענונגען פון עמערדזשענסי אומשטענדן. די גאנצע באפעלקערונג איז מער ווארשיינליך צו אפעקטירט ווערן.

לופט פארפעסטיגונג קען שעדיגן פובליק געזונטהייט און נאטורליכע קוועלער אין פארשידענע וועגן. הייסע זומער וועטער גרייט אן די ערד פאר צוויי הויפט פארפעסטיגנדע מאטעריאלן וואס זענען א זארג פאר מענטשליכע געזונטהייט: די אנטוויקלונג פון אָזאָן און דינע שטויב (PM2.5) — קליינע הארטע שטויב אדער פליסיגע טראפן אין די לופט וואס זענען 2.5 מייקראן אין דיאמעטער אדער ווייניגער. פיש און ווילדע באשעפענישן ווייזן ארויס סימנים פון שאדן פון עסיד אין רעגן און מערקורי אין די לופט. ענווייראמענט-שעדיגנדע גאזן אין די לופט טוישן די וועלט'ס קלימאט און ביישטייערן צו שעדליכע ווירקונגען, אריינרעכענענדיג עקסטרעמע היצן, טויטליכע פארפלייצונגען, טרוקעניש, פייערן, שטייגנדע ים שטאפלען און שווערע שטורעמעס.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, שאן מאהאר, האט געזאגט,** "די יעצטיגע פארשאצונג מאדעלן דייטן אז קוויבעק און אָנטאַריאו האבן א נידעריגע ביז מעסיגע פארגעשאצטע סכנה פאר וואלד פייערן, מיט א העכערע סכנה פון פייערן – און די פארפעסטיגנדע שטויב וואס קומען דערמיט – אין די מערב סטעיטס און קאנאדישע פראווינצן. ניו יארקער זאלן אבער ערווארטן צו זעהן העכערע אָזאָן שטאפלען צום ווייניגסטנס אפאר מער מאל דעם זומער. כדי צו זיין וואכזאם איבער די לופט קוואליטעט, מוטיגט די DEC די פובליקום צו באזוכן די DEC'ס וועבזייטל פאר די טעגליכע פארשאצונג אדער צו נוצן פארטרויליכע מקורות ווי די EPA'ס AirNow עפּ וואס נוצט לופט קוואליטעט ציפערן וואס קומען פון די DEC'ס סטעיט-ברייטע נאכפאלגונג נעטווארק."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "ניו יארקער האבן אויסגעצייכנטע כלים ווי airnow.gov וואס ערלויבן צו גרינגערהייט נאכפאלגן די לופט קוואליטעט. אינדערפרי קוק איך אויף די וועטער אויף מיין טעלעפאן און אויף די לופט קוואליטעט, עס איז טייל פון מיין רוטין צופרי. וויסן די לופט קוואליטעט איז באזונדערס וויכטיג פאר די מיט הארץ און לונגען קראנקהייטן און אזוי אויך די וואס זענען יונג און העכער 65."

צו באקומען די לעצטע אנאנסן פון די DEC, שרייבט זיך איין צו באקומען לופט קוואליטעט אלערטס DEC Delivers:באזוכט dec.ny.gov פאר די לעצטע פארשאצונגען און פאר אינפארמאציע איבער לופט קוואליטעט אינדעקס שטאפלען און די העלט דעפארטמענט וועבזייטל פאר אינפארמאציע איבער געזונטהייט סכנות און באווארענונג מאסנאמען אין פארבינדונג מיט לופט קוואליטעט.

די סטעיט האט רעקארדירט באדייטנדע רעדוקציעס אין סטעיט-ברייטע עמיסיעס פון פארפעסטיגנדע מאטעריאלן פון גרויסע איינריכטונגען פון 2000 ביז 2022, א גרויסע חלק דערפון צו באדאנקען ניו יארק'ס שטרענגע לופט קוואליטעט פאדערונגען און נאכפאלגונג:

- שטויב — 88 פראצענט;
- סאָלפאר דייאַקסייד (Sulfur dioxide, SO2) — 97 פראצענט;
- נייטראדזשען אַקסיידס (Nitrogen oxides, NOx) – 81 פראצענט;
- אומסטאבילע ארגאנישע כעמיקאלן (volatile organic compounds, VOC) — 67 פראצענט;
- קארבאן מאנאקסייד (Carbon Monoxide, CO) – 58 פראצענט; און
- געפארפולע לופט פארפעסטיגנדע כעמיקאלן (hazardous air pollutants, HAP) — 73 פראצענט.

פון 2000 ביז 2022 זענען די געמאסטענע פארפעסטיגונג שטאפלען אין די לופט אריבער די סטעיט אויך רעדוצירט געווען:

- שטויב אונטער 2.5 מייקראן (PM2.5) — 50 פראצענט
- SO2 – 90 פראצענט
- נייטראָודזשען דייאַקסייד (Nitrogen dioxide, NO2) — 30 פראצענט
- אָוזאָן — 12 פראצענט

אין פעברואר האט די EPA פארשטערקערט די נאציאנאלע דרויסנדיגע לופט קוואליטעט סטאנדארטן (National Ambient Air Quality Standards, NAAQS) פאר PM2.5. די נייע שטרענגערע סטאנדארט איז ערווארטעט צו פירן דערצו אז מער טעג וועלן אידענטיפיצירט ווערן צו זיין העכער אויף די AQI וואגשאל, אבער דאס מיינט נישט אז PM2.5 פארפעסטיגונג אין ניו יארק סטעיט איז פאקטיש ערגער געווארן. די ענדערונגען צו די AQI שפיגלען אפ די לעצטע וויסנשאפט אויף שטויב פארפעסטיגונג און געזונטהייט און EPA ענדערונגען צו די יערליכע סטאנדארט פאר דינע שטויב פארפעסטיגונג. פאר מער איבער די נייע סטאנדארטן, אריינרעכנענדיג א ליסטע פון אפט-געפרעגטע פראגן, באזוכט די AirNow וועבזייטל.

**צי ווייסט איר אז די DEC האט א מאנשאפט פון וועטער עקספערטן וואס באנוצן זיך מיט די לעצטע וויסנשאפט צו האלטן ניו יארקער אינפארמירט איבער לופט קוואליטעט אריבער אונזער סטעיט?**

כאפט א בליק אויף "DEC Does What?!" (די DEC טוט וואס?!) פאדקאסט עפיזאדע נומער 4 *The Air Up There* (די לופט דארט אויבן), וואו לופט פארפעסטיגונג וועטער עקספערטן עביגעיל קאמארק און סערע לעקלייטנער ערקלערן די לופט קוואליטעט אינדעקס און וויאזוי עס צו נוצן, וויאזוי וועטער אומשטענדן און אנדערע סעזאנען קענען ווירקן אויף די לופט קוואליטעט, אויב מיר דארפן זיך זארגן איבער רויעך פון וואלד פייערן נאכאמאל דעם זומער און וויאזוי עס איז צו מעסטן די לופט פארפעסטיגונג אין אנטארקטיקע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן